שנה ג'
נומער 158
**פרשת וארא**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



גאסט ארטיקל
**הכרת הטוב**

מיט א טיפערן בליק:
**הלכות שרייבן**

בילדער אפטיילונג:
**בילדער פונעם באזוך אין ארץ ישראל**

## צהלי ורוני יושבת ציון

בליץ באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל – שמות תשפ"ג

דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים זונטאג וארא






דער ראש ישיבה ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע ליל ששי שמות

# קריה ברסלב בלעטל


3
בריוו צו די רעדאקציע
איבער די גרויסקייט פון די צדיקים פון די פריערדיגע דורות.



4
גאסט ארטיקל
הכרת הטוב



8
היכל הקודש נייעס
בליץ באזוך פונעם ראש ישיבה קיין ארץ ישראל



16
מיט א טיפערן בליק
הלכות שריין



24
ענינא דיומא
די טעג פון שובבי"ם חלק ב'




30
בילדער אפטיילונג
בילדער פון די נסיעה קיין ארץ ישראל





רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
**לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:**
**077-530-9648**

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161**

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty
**ווארא כ"ח טבת תשפ"ג**

הדלקת הנרות......... 04:40
מוצאי שבת ............ 06:12

**מנחה מעריב בא ... 05:55**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 20 | 36°/26° | AM Rain/Snow Showers |
| Sat 21 | 32°/24° | Mostly Cloudy |
| Sun 22 | 36°/28° | PM Snow Showers |
| Mon 23 | 35°/26° | Snow Showers |
| Tue 24 | 38°/28° | Partly Cloudy |
| Wed 25 | 36°/24° | Snow Showers |
| Thu 26 | 31°/19° | Snow Showers |
| Fri 27 | 27°/15° | Mostly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה רפאל הכהן כ"ץ הי"ו**
**וזוגתו אסתר יוטל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל.

## בריוו צו די
# רעדאקציע

**איבער די גרויסקייט פון די צדיקים פון די פריערדיגע דורות**

לכבוד חברי המערכת החשובה שיחיו

איך האף אז דאס וואס מ'האט געשריבן אינעם בלעטל פרשת ויחי ביי די נייעס (בייגעלייגט ביים סוף פון דעם בריוו) איז געווען א טעות, ווייל איך מיין אז ווען מ'רעדט פונעם הייליגן בארדיטשובער רב זכותו יגן עלינו - וואס מיר האבן קיין שום שום מינדעסטע השגה אין אים - איז רחמנא לצלן צו שרייבן אז ביים בארדיטשובער רב איז די גאנצע חסידות געווען פארברענגען די צייט אין קויפן בייגל, רחמנא לצלן צו שרייבן אזא זאך (די האנט ציטערט מיר נאר ביים נאכשרייבן די ווערטער).

מ'רעדט דא נישט פון קיין אבי-ווער, מ'רעדט דא פון שרפי מעלה, ווער וואגט זיך צו שרייבן אזוינע ווערטער, ווייל מ'וויל גרויס מאכן איינעם?! מ'קען שרייבן אז דער הייליגער מהלך איז נישט געווען פאר אים, אים האט געצויגן עפעס אנדערש, אבער צו שרייבן מיט אזא זלזול.....

איך ווייס נישט
וואס צו



טראכטן, איך קען דאס נישט גלייבן אויף אזא ערליכע אויסגאבע, אויף אידן וואס זענען אויפגעוואקסן אין חסידישע היימען.

חכמים הזהרו בדבריכם, ס'איז א שפיל מיט פייער.

י. י. ס.

(צום סוף איז ער מקורב געווארן צום גרויסן צדיק הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זכותו יגן עלינו, דער הייליגער קדושת לוי פלעגט אים זייער ליב האבן מיט א באזונדערע ליבשאפט, ער פלעגט אים רופן בלשון חיבה **"מיין נתנ'לע"**, אבער וויבאלד רבי נתן איז געווען א גרויסער מתמיד און א גרויסער למדן, האט ער נישט געקענט דערליידן די פארברענגען מיט די סעודות וכו', ער האט דאס אנגעקוקט ווי מען פארברענגט סתם די צייט. ער פלעגט ארומגיין מיט ספיקות און בלבולים וואס צו טון, 'ווי אזוי איז מען זוכה צו זיין אן ערליכער איד?' 'ווי אזוי איז מען זוכה צו דינען דעם אייבערשטן?' ער האט נישט געקענט טרעפן א תירוץ אויף דעם.)

**די מערכת האט אריינגעשיקט די שאלה צום ראש ישיבה, און דאס איז וואס דער ראש ישיבה האט געענטפערט:**

<<<<

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת שמות, ט"ז טבת, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

חס וחלילה צו זאגן אזעלכע ווערטער אויפ'ן הייליגן צדיק דער קדושת לוי זכותו יגן עלינו.

ווי שעמט איר זיך נישט צו שרייבן אז דער הייליגער קדושת לוי האט פארברענגט די צייט, ווען מען רעדט פון דעם גרויסן צדיק דער הייליגער בארדיטשובער רב וואס דער הייליגער רבי האט מעיד געווען פאר רבי נתן זכותו יגן עלינו (חיי מוהר"ן, סימן תקצט) בזה הלשון: "דאס ווייסטו נישט אז דער בארדיטשובער רב זאגט 'דער בורא' שפריצט איהם פייער פון דיא אויגן".

אויך האט דער רבי געהייסן בודק זיין זיינע תפילין ווען דער הייליגער בארדיטשובער רב איז געווען אונטערוועגנס. דער רבי האט געזאגט (שם, סימן ער): "הרב מברדיטשוב הוא גדול בעיני מאד", איך האלט זייער פון הייליגן קדושת לוי, און אז אזא גדול איז אונטערוועגנס און מען איז אים נישט געהעריג מכבד - איז דאס א פגם אין די תפילין.

אויך האט דער הייליגער רבי נתן זוכה געווען צו זיין א שטיק צייט ביים הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו. עס איז באוויסט אז דער קדושת לוי האט אים זייער ליב געהאט, ער פלעגט אים רופן: "מיין נתן'לע".

ווער רעדט אויפ'ן הייליגן קדושת לוי? וואס שטייט דא?! מיר דערציילן בסך הכל ווי אזוי דער הייליגער רבי נתן האט געשפירט איידער ער איז אנגעקומען צום רבי'ן. ער האט געשפירט ביי זיך ווי עפעס פעלט אים, ער איז געווען ביי זיך זייער צעבראכן, ויהי היום, איין וואך מוצאי שבת קודש איז ער געשטעלט געווארן צו גיין קויפן בייגל פאר סעודת מלוה מלכה, דער סדר איז געווען אז מען האט געמאכט א גורל יעדע מוצאי שבת ווער עס זאל אנגרייטן די מלוה מלכה, און ווען רבי נתן האט זוכה געווען אינעם גורל, גייענדיג קויפן די בייגל - איז ער זייער צעבראכן געווארן, ער האט געטראכט: 'איך בין באשאפן געווארן צו קויפן בייגל?!'

ער איז אריין אין א שול אין עזרת נשים, ער האט גענומען א תהילים און אנגעהויבן זאגן תהילים מיט גרויס צעבראכנקייט, ביז ער האט איינגעדרימלט. ער חלומ'ט זיך ווי ער קריכט ארויף אויף א לייטער און ער האלט אין איין אראפפאלן, און איינער שרייט פון אויבן: "נתן, דראפע זיך און דערהאלט זיך". שפעטער ווען רבי נתן איז געקומען צום רבי'ן און געזען די צורה פון הייליגן רבי'ן, האט ער געזען אז דעם צורה האט ער געזען אין חלום.

ווער איז מבטל? ווער בויט זיך אויף אנדערע? ווער מאכט אוועק אנדערע?! חס ושלום מבטל זיין דעם הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו; ווער איז נאך געווען אזוי נאנט צום הייליגן רבי'ן ווי דער הייליגער קדושת לוי? דער הייליגער קדושת לוי האט געזאגט: "ווען איך וואלט ווען געוויסט אז איך וועל פועל'ן - וואלט איך געלאפן אין די גאסן שרייען 'ווער עס וויל זיין אן ערליכער איד זאל זיך מקרב זיין צו רבי נחמנ'ן'"; נאך האט ער געזאגט: "וואו איך זע עפעס גוטס - איז יענער מקורב צום הייליגן רבי נחמן".

יואל רוטה






# הכרת הטוב

"דרייצן יאר צוריק האב איך געטראפן דעם בעל שמחה ר' שבתי נרו יאיר דא אין בית המדרש צום ערשטן מאל".

דאס איז די ווערטער וואס דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט ביים ברית פון הילד דוד נרו יאיר בן מו"ה שבתי מזרחי הי"ו.

די מעשה גייט צוריק שוין איבער צען יאר, דעמאלט פלעגט זיין אין היכל הקודש קרית יואל א פלאץ ווי מו"ה ר' יואל פארקאש שליט"א פלעגט מחזק זיין די בחורים וואס האבן געוואלט הערן די עצות פון הייליגן רבי'ן, נישט אלע בחורים האבן געקענט לערנען אין ישיבה תפארת התורה ביים ראש ישיבה שליט"א, במילא איז מען געזיצן דארט און געלערנט צוזאמען, און ר' יואל פלעגט יעדן טאג געבן א שיעור התחזקות אין הייליגן רבי'נס ספרים, אויך זענען דארט געזיצן אינגעלייט און געלערנט.

איין טאג האט זיך געמאכט אז דער ראש ישיבה האט געדארפט זיין אין קרית יואל צוליב א שמחה, האט ר' יואל געבעטן דעם ראש ישיבה ער זאל ארויפקומען און געבן א שיעור התחזקות פאר די בחורים און אינגעלייט, דער ראש ישיבה האט עס אנגענומען, און אריבערגעקומען געבן א שיעור, דעמאלט האט דער ראש ישיבה געטראפן שבתי מזרחי צום ערשטן מאל, און די קשר ציעט זיך אזוי ביז היינט.

ביים סעודת ברית האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער גייט שוין נישט היינט צו יעדע שמחה, אבער אלס הכרת הטוב וואס שבתי העלפט אזוי געטריי אלע יארן די ישיבה, און היינט מיטן בויען די שטעטל, איז ער געקומען ספעציעל צו פארן קיין קרית יואל צום ברית.

נאכן ברית, דער עולם איז זיך צוגעגאנגען יעדער איינער צו ווי ער דארף גיין, דער ראש ישיבה איז אריבער צום תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית יואל, אבער מיר זענען די דיבורים עפעס געבליבן ש ט ע ק ן אין מיין קאפ, איך בין טאקע נישט געבליבן זיצן דארט אין בית המדרש, אבער די ווערטער פונעם ראש ישיבה האט זיך איבערגעשפילט אין מיין קאפ און נישט צירוה געלאזט, מען רעדט דא פון א ראש ישיבה וואס האט אזויפיל אויף זיין קאפ, אזוי פיל זאכן גייען אדורך נאר איין איינציגן טאג, דא דארף ער פירן די מוסדות פון אלע פלעצער אין די וועלט וואו עס געפונט זיך מוסדות היכל הקודש, דא זיצט ער מיט די בחורים יעדן טאג און איז זיי מחזק, און פרובירט צו מאכן שידוכים פאר זיי, דא איז ער פארנומען מיט די אינגעלייט, און דא איז מען פארנומען בויען א שטעטל על שם רבינו, און אזוי ווייטער, אבער פון די אנדערע זייט פארגעסט נישט דער ראש ישיבה ווער עס האט אים געהאלפן און העלפט אים יעצט ווייטער געטריי. דאס איז עפעס וואס מען דארף זיך אפלערנען.

מוהרא"ש פלעגט אסאך חזר'ן מיט אונז די שיינקייט פון האבן הכרת הטוב פאר א מענטש וואס האט דיר געטון א טובה אפילו נאר איינמאל אין לעבן, מוהרא"ש פלעגט גיין צו חתונות פון אידן



וואס האבן אים געהאלפן און אסאך מאל אפילו געקומען מיט א שטריימל (זעה מער וועגן דעם באשריבן אינעם היסטאריע ווינקל פונעם בלעטל פרשת ויגש) אזוי אויך זעט מען אסאך מאל אין די בריוון אינעם הייליגן ספר "אשר בנחל" וואס מוהרא"ש דרוקט זיך אויס די הכרת הטוב וואס ער האט צו איינעם וואס האט אים געהאלפן.

די פראבלעם וואס מאכט זיך איז אז אסאך מאל שפירט מען, צו האבן הכרת הטוב איז א שווערע זאך, ווייל איך דארף יעצט א גאנץ לעבן זיין שולדיג פאר יענעם מיין לעבן? וועגן דעם איז דא אסאך מענטשן וואס שפירן אז זיי קענען נישט בלייבן אין היכל הקודש טאקע פאר די סיבה, ווייל זיי שפירן זייער שולדיג פאר דעם הייליגן פלאץ וואס האט אים אזוי שטארק געהאלפן אין לעבן און געשטעלט אויף די פיס, אבער ער ווייסט נישט וויאזוי צו אויסדריקן זיין הכרת הטוב, וויאזוי צו צוריק באצאלן, במילא הייבט זיך אן בויען אין זיין קאפ א פארקערטע זאך, נעעע דער מענטש האט מיר בכלל נישט געהאלפן, און נישט נאר ער האט מיר נישט געהאלפן, נאר פונקט פארקערט איך בין גאר ערגער געווארן זייט דעמאלט, ביז ער לאזט אפ אינגאנצן היכל הקודש.

אבער זארג נישט, אויב וועגן דעם שפירסטו אז דו ווילסט אפלאזן היכל הקודש, וויל איך דיר זאגן אז פארדעם האט שוין דער ראש ישיבה אויך געגעבן א עצה, דער ראש ישיבה זאגט אונז אז מען דארף נישט יעצט א גאנץ לעבן שפירן שולדיג פאר יענעם, מען בעט נאר פון דיר איין זאך "בארעד נישט דעם פלאץ", ווארף נישט קיין שטיינער אויף מיר, דאס איז די גאנצע וואס איך בעט פון דיר, אויב א בחור'ל קומט צו דיר און ער פרעגט דיר וועגן די ישיבה וועגן די דרשות, זאלסטו אים נישט זאגן אז עס איז נישט פאר אים, טו עס נישט, דערמאן דיר ווען דו האסט אזוי וויכטיג געדארפט האבן די חיזוק און האסט זיך אזוי מחי' געווען אז עס איז דא איין פלאץ אינעם גאנצן גלויב וואס מען נעמט מיר אריין אזוי ווי איך בין מיט מיין אלע פראבלעמען, במילא זאלסטו יעצט האבן דאס פינטעלע הכרת הטוב און נישט בארעדן דעם פלאץ ווען דער בחור וויל יעצט מקורב ווערן.

און פון דעם האב איך מיר געכאפט נאך א שטארקע נקודה, דאס אז דער ראש ישיבה געדענקט נאך פונקטליך ווען ער האט געטראפן שבתי די ערשטע מאל, עס גייט אים נישט ארויס פון קאפ, און דאס איז נישט די ערשטע מאל וואס איך באמערק דאס, ביי אסאך פון אנשי שלומינו האב איך שוין דאס געזען, וואס דער ראש ישיבה זאגט זיי "איך געדענק פונקטליך ווען איך האב דיר געטראפן דעם ערשטן מאל און וואס דו האסט מיר געזאגט דעמאלט", דאס איז זייער א שטארקע זאך וואס ברענגט ארויס אז יעדער מקורב דא איז נישט סתם נאך א איד אויף די ברענטשעס, נאך א איד וואס גייט ברענגן געלט אדער כבוד פאר די קהילה, ניין, דאס איז נאך א נשמה נאך א טייערע איד וואס מען געדענקט פונקטליך פארוואס און וויאזוי ער איז דא אנגעקומען און דער ראש ישיבה איז גרייט צו געבן צייט פאר יעדן איינעם און פארשטיין און העלפן יעדן באזונדער אן אויסנאם און ער האט ליב יעדן איינעם אזוי ווי א אייגן קינד.

דער בעל 'ה'צום פינטל' וואלט דא אריינגעלייגט א תפילה, כדי מען זאל גלייך קענען אויפקעשן דעם ארטיקל אויף לעובדא ולמעשה, איז לאמיר אויך דא אריינלייגן א שיינע קליינע תפילה פאר די חשובע ליינער.

"הייליגע באשעפער העלף מיר איך זאל א גאנץ לעבן געדענקן די אלע גוטע מתנות וואס איך האב באקומען אין היכל הקודש, און עס קענען איבערגעבן פאר נאך מענטשן זיי זאלן אויך וויסן פון די זיסע עצות אין לעבן, העלף מיר איך זאל האבן הכרת הטוב פאר יעדן וואס האט מיר געהאלפן אין לעבן, הייליגע באשעפער העלף מיר איך זאל נישט זיין קיין כפוי טובה פאר דער ראש ישיבה, און פאר קיין שום מענטש וואס האט מיר א טובה געטון אין לעבן, העלף מיר איך זאל קיינמאל נישט בארעדן דעם הייליגן פלאץ, נאר פונקט פארקערט, איך זאל נאר ברענגן נאך מענטשן זאלן וויסן פון דעם פלאץ וואס מען טיילט שכל צו לעבן א גוטע געשמאקע פיינע לעבן".

# שטעטל נייעס

## מסיבת בן גמלא אין שטעטל



מיטן וואוקס פון די הייליגע מוסדות, ווען מען עפענט כסדר פרישע סניפים אין נאך שטעט און נאך לענדער אין די וועלט, צוזאמען מיט דעם וואקסט דער בודזשעט און די פעיראל וואס די מוסדות נעמט זיך אונטער צו באצאלן, האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין די לעצטע צייט איז די מצב געווארן גאר ענג, ממש מען קען נישט באצאלן, עס איז פשוט נישטא פון וואו.

פאר דעם צוועק האט דער ראש ישיבה געשטעלט צוויי אינגעלייט פון אנשי שלומינו וואס זענען שוין גוט באקאנט פאר אנשי שלומינו מיט זייער ווארעם הארץ, מו"ה אברהם משה שטראסער הי"ו און מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו זיי זאלן פאנדרעיזן פאר די הייליגע מוסדות, זיי האבן זיך טאקע ארייגעלייגט ארויסצוהעלפן שאפן די נויטיגע געלט מען זאל קענען באצאלן די טייערע איבערגעגעבענע מלמדים און טישטערס, וואס געבן זיך אוועק מיט אזא געוואלדיגע געטריישאפט, און לייגן אריין גרויסע כחות צו מחנך זיין דעם קומענדיגן דור פון כלל ישראל, אז זיי זאלן אויפוואקסן געזונט בגשמיות און ברוחניות.

די עסקנים האבן ווידער אויפגעפרישט דעם "בן גמלא" קאמפיין, וואס גייט שוין אן צום גוטן פאר די לעצטע צוויי יאר, ווי פילע אנשי שלומינו האבן געהאט די זכיה אפצוקויפן די זכות לימוד התורה פון א מלמד מיט זיין גאנצע כיתה פאר א חודש. פאריגע וואך איז פארגעקומען איין אזא מסיבה אין שטעטל אין שטוב פון מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו, ווי דער עולם האט זיך זייער ווארעם אנגערופן, יעדער וויל האבן די זכי' ארויסצוהעלפן דעם ראש ישיבה וואס וויל נאר איין זאך, ארייצוברענגען דעם אייבערשטן אין אונזערע קינדער, אויך איז פארגעקומען א מסיבה אין שטוב פון מו"ה משולם נחמן פונטער הי"ו.

ווי דער אדמיניסטראטאר מו"ה רפאל פורסט הי"ו געבט אונז איבער האט זיך שטארק אנגעזען די ווארעמקייט פונעם ציבור, ווען עס איז אריינגעקומען צענדליגע טויזנטער דאלער ביי די מסיבות, וואס האט געגעבן א שטארקע שטופ צו קענען אביסל באלאנסירן דעם בודזשעט פון די מוסדות, און וועט שטארק צוהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א ער זאל נישט דארפן טראגן קיין געלט דאגה פון די מוסדות.

אין די קומענדיגע טעג גרייטן זיך די צווי חשובע עסקנים צו קומען קיין לעיקוואוד בעזרת השם יתברך, ווי אנשי שלומינו אין שטאטווארטן ארויס צו קענען אפקויפן דעם גרויסן זכות פון "בן גמלא" און העלפן באצאלן א מלמד וואס לייגט אריין אמונה, תמימות, יראת שמים און מידות טובות אין א גאנצע קלאס פון קינדער.

אין די קומענדיגע צוויי וואכן וועלן פארקומען נאך עטליכע אזעלכע מסיבות אין נאך שטעט אין געגענטער ווי אנשי שלומינו געפונען זיך, אנשי שלומינו גרייטן זיך אויפצונעמען די חשובע שלוחי' דרחמנא מיט גרויס ווארימקייט, און וועלן זיך משתתף זיין יותר מכפי יכלתם.

ביים חתמ'נען די שטר שותפות ביים מסיבת בן גמלא
אין שטוב פון מו"ה משולם פינטער הי"ו









# היכל הקודש
# נייעס

**ארץ ישראל**

## בליץ באזוך פונעם ראש ישיבה קיין ארץ ישראל



מיט גרויס שמחה האבן אנשי שלומינו אין ארץ הקודש אויפגענומען די נייעס אז נאך אסאך תפילות וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן דער ראש ישיבה זאל קומען אויף א באזוך, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אריסגעלאזט אויף א קורצע נסיעה צו מחזק זיין אנשי שלומינו אין ארץ ישראל.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך ארויסגעלאזט פון ניו יארק פארלאפענעם מיטוואך נאכט פרשת שמות, און איז אנגעקומען דאנערשטאג פארנאכטס אין ארץ ישראל. לויטן פלאן האט דער ראש ישיבה געדארפט זיין דאנערשטאג ליל שישי אין טברי' צו מחזק זיין אנשי שלומינו אין שטאט, למעשה האט זיך עס פארשלעפט און דער ראש ישיבה איז נישט אנגעקומען צו געבן א שיעור.

דער ראש ישיבה איז געווען ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל. דערנאך איז ער צוגעפארן צום ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טברי'.

פון דארט איז דער ראש ישיבה צוגעפארן קיין מירון זיך אויסבעטן ביים ציון פון הייליגן תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, בפרט יעצט וואס איז די ערשטע ליל ששי פון שובבי"ם וואס איז גאר א געוואלדיגע מסוגל'דיגע צייט פאר ישועות און פאר תיקון המעשים.

אויך איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום ציון פון זיין גרויסן זיידן קארלסבורגער רב זי"ע און ביים ציון פון יוחנן הסנדלר. פון דארט איז מען געפארן קיין ירושלים.

פרייטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט שחרית צוזאמען מיט אנשי שלומינו אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור, עטליכע קינדער זענען ארויף געקומען מאכן סיומים פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט.

אזוי ווי מען האט זיך געגרייט אויף א גרויסער עולם געסט וואס וועלן קומען מיטהאלטן דעם דערהויבענעם שבת, האט מען ארויסגענומען אלע טישן פון בית המדרש, און מ'האט אנגעפילט דעם בית המדרש מיט פילע בענק צו אקאמדירן דעם ערווארטעטן ציבור.

צו מנחה ערב שבת קודש איז צוגעגאנגען דער גבאי מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו, אויף קבלת שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, עס האט אריינגעבלאזן א געוואלדיגע פרישקייט און א געשמאק אין אלע מתפללים, די קינדער זענען געזיצן ארום דעם ראש ישיבה און מיטגעדאווענט מיט די גאנצע חיות.

נאכן דאווענען איז מען דורכגעגאנגען וואונטשן גוט שבת פארן ראש ישיבה שליט"א. עס האט זיך דערקענט פילע געסט פון גאנץ ארץ ישראל, מען האט געזען פילע אנשי שלומינו פון יבנאל, בני ברק, טברי', ברכפלד און נאך, אפילו א גרופע בחורים מעדות המזרח זענען געקומען מיטהאלטן דעם שבת.

נאכן וואונטשן גוט שבת האט מען אהיים באגלייט דעם ראש ישיבה צום שטוב, אויפן וועג האט דער ראש ישיבה מחזק געווען די בחורים אז זיי זאלן זיך נישט זארגן פאר זייער שידוך, דער אייבערשטער וועט זיי העלפן.

צום סעודה זענען געווען געלאדענט די טייערע מפיצים וואס גייען ארום טיילן קונטרסים ביי די הייזער, וואס דאס איז די חשוב'סטע זאך ביים ראש ישיבה.

דער מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א האט געגעסן דארט די סעודה, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים "דער מנהל איז געווען מיין חבר זיך צו מחזק זיין אנפאנג ווען מיר זענען מקורב געווארן. דאס איז זייער א וויכטיגע זאך צו האבן."

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר א בחור ער זאל נישט קומען לערנען אין ישיבה, כדי ער זאל קענען ווייטער עוסק

<<<<



זיין אין הפצה אין ארץ ישראל.

די משתתפים ביים סעודה האבן פארציילט זייערע מעשיות פון הפצה פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט.

נאכן סעודה איז מען צוריק געקומען אין בית המדרש צום באטע, צוליב די געדרענג פון די פולע אידן וואס זענען געקומען פון אלע עקן שטאט האט מען אויסגעטיילט קארטלעך פאר שבת, וואס מיט דעם קארטל האט מען געקענט אריינקומען צום באטע. מען האט געזונגען צוזאמען זמירות שבת קודש, אויך האט מען געזינגען אידישע ניגוני תשובה, דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן די הייליגע שובבי"ם טעג, דער ראש ישיבה האט געזאגט א ווארט וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן: דער פסוק זאגט אז דער אייבערשטער האט געציילט די אידן פאר מתן תורה, און רש"י לייגט צו ווייל דער אייבערשטער האט ליב די אידן ציילט ער זיי, פארוואס דייקא האט דער אייבערשטער זיי געציילט פאר מתן תורה? נאר כדי צו קענען מקבל זיין די תורה דארף א איד קודם וויסן אז דער אייבערשטער האט מיר ליב, און מיט דעם יסוד קען מען שוין מקבל זיין די תורה, אזוי אויך אין פרשת שמות דערמאנט אויך די תורה אז מען האט געציילט די אידן וועגן די ליבשאפט פונעם אייבערשטן צו אידן, ווייל מען גייט יעצט אריין אין די הייליגע שובבי"ם טעג דארף א איד אויך האבן דעם כלל אז דער אייבערשטער האט מיר ליב, אזוי קען מען שוין גרינגער דינען דעם אייבערשטן, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז תיקון שובבי"ם איז נישט נאר אז מען לערנט פינף שעה רציפות, נישט יעדער קען דאס באוויזן, נאר אז מען טוט אביסל פארן אייבערשטן איז דאס זייער חשוב, אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון כיבוד אב ואם, און אויך מעורר געווען וועגן האבן שלום אין שטוב, וואס דאס איז א יסוד ביים הייליגן רבי'ן".

נאכן באטע האט מען באגלייט דעם ראש ישיבה און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן "באגלייטס מיר נישט. איך בין נישט קיין רבי!", מארגן וועל איך זיין אם ירצה השם אין בית המדרש.

שבת אינדערפרי איז דער ראש ישיבה אנגעקומען אין בית המדרש בערך אכט אזייגער, דער ראש ישיבה האט זיך געזעצט אויף זיין פלאץ לערנען גמרא פארן דאווענען, שפעטער איז דער ראש ישיבה ארויף צום הפצה שטיבל און געשמועסט דארט מיט אפאר אינגעלייט א שטיק צייט וועגן די חשיבות פון הפצה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוריק אראפ צום בית המדרש און געגעבן א שיעור אין לשון הקודש פאר די אידן וואס פארשטייען נאר דעם שפראך, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם וואס שטייט אז די אידן האבן געוויסט אז דער אויסלייזער פון די אידן אין מצרים וועט קומען זאגן די ווערטער "פקוד פקדתי", האט דער ראש ישיבה געפרעגט דאס קען דאך יעדער קומען זאגן? אבער די מציאות איז אז נישט יעדער קומט און איז מחזק כלל ישראל, משה רבינו איז געקומען און אויפגעהויבן כלל ישראל, אזוי אויך זעט מען היינט אז דער הייליגער רבי האט אזאנע דיבורים וואס איז מחזק אידישע קינדער אין יעדן מצב וואס מען איז נאר.

דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית, דער גבאי פון בית המדרש היכל הקודש בני ברק מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו האט געדאווענט פארן עמוד פסוקי דזמרה, צו שחרית האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, ביי ממקומך האט דער ראש ישיבה געזינגען גאר א ווארימע ניגון וואס האט געעפענט די הערצער פון אלע מתפללים, מוסף האט געדאווענט מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה גאר שטארק ארום גערעדט פון שלום בית אז פון איין זייט זאל מען זיך נישט קריגן און טענה'ן אין שטוב, אבער פון די אנדערע זייט זאל מען אויך נישט זיין א שמאטע, אויב וויל מען עפעס א געוויסע זאך וואס די ווייב וויל נישט, דארף מען נישט אויפגעבן ווייל די ווייב האט איינמאל געזאגט ניין, מען קען דעם קומענדיגן טאג נאכאמאל שיין רעדן דערפון און אויסשמועסן אויב היינט וויל זי שוין יא.

ביים סעודה שבת אינדערפרי האט איינער געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס ער זאל זיך פארנעמען לכבוד זיין יום הולדת, האט דער ראש ישיבה געזאגט ער זאל זיך פארנעמען צו זיין פריילעך און שטענדיג דאנקן דעם אייבערשטן.

שפעטער האט יעדער ביים טיש געזאגט א שיחה פון הייליגן רבי'ן וואס ער האט געדענקט, אויך האבן די קינדער וואס זענען געווען ביים טיש פארציילט שיינע מעשיות פון תפילה.

פון די פריע נאכמיטאג שעות האט זיך שוין דער בית המדרש אנגעהויבן אנצופילן, מען האט געזען ווי אנשי שלומינו נוצן אויס די צייט, דער מיט זיין תהלים'ל, דער מיט א משניות'ל, דער מיט א גמרא, א בית נצחי, אלע האבן געווארט מיט גרויס שפאנונג צו קענען מיטהאלטן א שלש סעודות מיטן ראש ישיבה שליט"א. די גבאים האבן צוגעגרייט די שלש סעודות, די חלות, די סאלאטן נאך פאר מנחה, כדי אלע זאלן קענען אניאגן זיך צו וואשן און עסן שלש סעודות, וויבאלד עס וואלט נישט מעגליך געווען אזא גרויסע ציבור זאל זיך קענען וואשן נאך מנחה.

דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען אין בית המדרש

<<<<



בערך א פערטל צו פינף, צו מנחה איז צוגעגאנגען מו"ה משה רעכניצער הי"ו, נאך מנחה האט מען צוגעגרייט פארן ראש ישיבה א טעפל מיט א שיסל זיך צו וואשן, אבער דער ראש ישיבה איז זיך געגאנגען וואשן ביים סינק.

ביי שלש סעודות איז געווען א שטארקע געדרענג, אלע זענען אבער געווען פרייליך און געדאנקט דעם אייבערשטן אז מען קען קומען מיטהאלטן א שלש סעודות ביים ראש ישיבה. מען האט געזינגען זמירות שלש סעודות, דערנאך האט מען געזינגען עטליכע ווארימע אידישע ניגונים, נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט פייערדיגע ווערטער איבער די תיקון פון די הייליגע שובבי"ם טעג, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז דער עיקר תיקון שובבי"ם קומט דורך לימוד התורה, און יעדער קען לערנען תורה, מיר האבן באקומען פון הייליגן רבי'ן א זיסער סדר דרך הלימוד.

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט א ווארט פון הייליגן רבי'ן (ליקוטי מוהר"ן ח"א, סימן י"א), חז"ל זאגן (מנחת פה ע"א) די כישוף-מאכערס אין מצרים האבן געפרעגט משה רבינו "תבן אתה מכניס לעפריים?" דו ווילסט וויזן וואס דו קענסט צווישן די גרעסטע מכשפים? האט זיי משה רבינו געענטפערט "אמרי אינשי למתא ירקא ירקא שקול", אז דארט ווי דער יריד איז פון גרינצייג, דארט וועסטו קענען גוט פארקויפן דיינע גרינצייג. האט דער רבי געטייטשט זיי האבן געפרעגט "תבן אתה מכניס לעפריים"? תבן איז פון לשון "תבונה", און "עפריים" מיינט "עפר", דו ווילסט אויסלייזן די אידן וואס זענען אין אזא נידעריגע מצב פון "עפר" און אין זיי אריינברענגען "תבונות התורה"?, האט זיי משה רבינו געענטפערט "אמרי אינשי" דורכדעם וואס א מענטש זאגט, ער זאגט תורה, ער רעדט צום אייבערשטן, "ירקא" זאגט דער רבי מיינט תשובה, דורכדעם וואס א מענטש זאגט, וועט ער זוכה זיין צו תשובה.

דער ראש ישיבה האט שטארק מעורר געווען מען זאל נוצן דעם זיסן עצה פון הייליגן רבי'ן פון "אמרי אינשי" א איד זאל זאגן און זאגן, זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, און נישט קוקן אויף קיינעם, מ'האט יא געהאלטן, מ'האט נישט געהאלטן, וואס האב איך מיט יענעם? איך האב נישט קיין צייט, צום סוף וועל איך אניאגן צו לערנען די גאנצע תורה, מקרא משנה גמרא מדרש און אזוי ווייטער. דער ראש ישיבה האט געבעטן אלעמען מען זאל זיך מאכן שיעורים אין א דף גמרא, אזוי אויך לערנען פרקים משניות יעדן טאג, אזוי וועט מען זוכה זיין צו מתקן זיין די מעשים.

צו מעריב איז צוגעגאנגען מו"ה משה ראזענבערג הי"ו וואס איז יעצט אינעם יאר פון די פטירה פון זיין אומפארגעסליכן פאטער מו"ה יצחק ז"ל. נאך מעריב האט דער ראש ישיבה געמאכט הבדלה ברוב עם.

צוליב דעם גרויסן עולם וואס איז געקומען צו פארן צום מלוה מלכה האט מען אפגעדינגען א גרויסע פלאץ, מען האט זיך געוואשן צו מלוה מלכה און געזינגען זמירות, נאכן זינגען זמירות האט מען געזינגען פאר א לענגערע צייט ירושלימע דעבקע ניגונים, עטליכע פון אנשי שלומינו האבן געטאנצן קעדאטשקע און פרייליך געמאכט דעם עולם.

דערנאך האט מען ארויפגערופן אלע וואס האבן געהאט סיומים, קינדער, בחורים און טאטעס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט א שיינע לענגערע התחזקות שמועס וואס מען קען הערן אויף קול ברסלב.

זונטאג אינדערפרי נאך שחרית איז פארגעקומען די ברית ביי מו"ה אברהם ראטמאן הי"ו דער ראש ישיבה איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און קריאת השם, ויקרא שמו בישראל 'יואל', ביים סעודה האט דער ראש ישיבה גערעדט און ארויסגעברענגט די געטריישאפט פונעם בעל שמחה, וואס העלט אזוי סאך אן קיין איבעריגע פירסום, אויך דער בעל שמחה האט גערעדט אפאר דיבורים.

שפעטער האט דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש און דערנאך אין בית פיגא שולע, סוף טאג איז דער ראש ישיבה צוריק געקומען אין בית המדרש און געדאווענט מנחה מעריב, דערנאך האט ער פארגעלערנט דעם דף גמרא.

פון דארט האט זיך דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט צום עירפארט, אויפן וועג צום עירפארט האט דער ראש ישיבה נאך אריינגעכאפט צו געבן א שיעור אינעם נייעם בית המדרש היכל הקודש בני ברק, דער ראש ישיבה האט געבעטן מען זאל זיך האלטן באחדות, אויך זאל מען זען נישט צו שטערן דעם דאווענען, אז מען וויל שמועסן קען מען ארויסגיין אינדרויסן, אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט די וויכטיגקייט פון גיין הפצה, אויסלערנען פאר נאך מענטשן אז ס'איז דא א זיסע סדר דרך הלימוד, א וועג וויאזוי יעדער איד קען זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די קינדער אויב ער האט א שיעור אין משניות, האט דער אינגל געזאגט אז ער גייט פרובירן, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט "פרובירן זאלסטו צו עסן און שלאפן, אבער לערנען דאס זאלסטו טאקע טון".

אלע שיעורים קען מען שוין הערן אויפן קול ברסלב טעלעפאן ליין.

אנשי שלומינו זענען ארויס מיט א געוואלדיגע חיזוק פון דעם קורצן אבער אנגעפילטן באזוך, וואס וועט לאנג געדענקט ווערן ביי אלעמען.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## קרית ברסלב ספרים סטאר
51 Twin Bridge Liberty NY 12754

מיר האבן א גרויסע אויסוואל פון אלע
ספרים, ביכלעך און דעקארעישאנס,
פאר אייך און די גאנצע משפחה.

לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

## LOUNGE
computer + comfort

עם איז ברוך השם אנגעקומען א נייע סקענער וואס מען קען ניצן צו סקענען אויף אלע פארמאטן.

פאר אנווייזונגען רופט מרדכי היימליך




### דארפט איר א הענדימאן?
רופט ישראל סאמעט
845-866-4101

### דארפט איר א קמיע דעליווערט צו אייער טיר?
רופט נחמן ישראל יאקאבאוויטש
347-768-4482



# "מעשיות פון תפילה"

## לייבי אפפעל - קרית ברסלב:

מיין ווייב'ס טעלעפאון האט זיך צובראכן אין צוויי, וויבאלד ס'איז א טייערע פאון איז עס זייער שווער צו פארעכטן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן איינער וואס קען עס פاררעכטן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איינער האט מיך געגעבן א נומער פון איינער וואס קען עס פארעכטן.

ווען איך האב אים גערופן פרעגן אויב ער קען עס פארעכטן האט ער מיך געזאגט אז ער וועט פרובירן, אבער ס'וועט מוזן נעמען א שיינע פאר טעג ביז ער וועט עס פארעכטן, איך האב זיך גענומען בעטן ביי אים אז ס'זאל נעמען שנעלער ס'האט גארנישט געהאלפן, אבער בעטן דעם אייבערשטן העלפט אייביג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל פארראכטן ווערן ווי שנעלער, שכח אייבערשטער אז א שעה שפעטער רופט ער מיך צוריק זאגן אז די פאון איז שוין פארראכטן און מ'קען עס קומען אפנעמען.

## ישראל פוקס - קרית ברסלב:

איך בין אריינגעפארן צו די חתונה פון החתן רפאל כ"ץ הי"ו, איך האב טאקע זייער הנאה געהאט מיטצוהאלטן פון דער נאנט ווי אזוי ס'קוקט אויס א חתונה אין ישיבה, די גאנצע חתונה נאכט קאסט נישט קיין פעני פאר די מחותנים, דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל ווייטער קענען חתונה מאכן די קינדער אן זיך נאריש מאכן פאר די נישטיגע פינף שעה.

נאך די חתונה האב איך זיך דערמאנט אז די נעקסטע צופרי' האב איך א דזשאב אפאר שעה אוועק פון ישיבה, און פון שטעטל נעמט עס צו פארן צוויי שעה לענגער ווי פון וויליאמסבורג, און אויב פאר איך נאך אהיים וועל איך קוים האבן צוויי דריי שעה צו שלאפן, און אויב פאר איך גלייך צו דער ארבעט און דארט איבערשלאפן וועל איך נישט האבן קיין מנין שחרית, איך קען נישט גיין צו א דזשאב אן דאווענען מיט מנין, איך דארף דאך א דבר שבמנין... האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן וואו צו נעכטן כדי איך זאל האבן גענוג צייט צו שלאפן און איך זאל קענען דאווענען מיט מנין.

אפאר מינוט שפעטער טרעפט מיך א איד, א נאנטער ידיד מיינער, און ער הייבט אן שמועסן, וואו וואוינסטו, וואס טוסטו פאר פרנסה... אזוי שמועסנדיג זאג איך אים אז איך האב מארגן דא א דזשאב און איך זוך נאך וואו צו נעכטיגן, זאגט ער מיך אז ער קען מיך טרעפן אן אכסניא, ער מאכט צוויי דריי פאון קאללס און ער זאגט מיך אז איך קען איבערשלאפן אין א דירה נישט ווייט פון ישיבה.

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט וואו צו שלאפן, און אז איך האב געקענט דאווענען שחרית מיט מנין!

## אלחנן זויבערמאן - וויליאמסבורג:

איך האב גערארפט אנקומען פון ראסס סטריט ביז די מורטל גאס אין וויליאמסבורג שפעט אינמיטן א קאלטע נאכט, צו גיין צופיס נעמט עס בערך א האלבע שעה און צו פארן איז דאס אומגעפער צוויי מינוט, כ'האב פרובירט צו כאפן א היטש ביז מיין האנט האט שוין באקומען שמערצן פון עס האלטן אויסגעשטרעקט אזוי לאנג, כ'האב פרובירט צו קלינגען א קאר סערוויס און זיי האבן פונקט נישט געהאט קיין קארס, בקיצור, דער אייבערשטער האט געוואורט אלחנן זאל ארויסזאגן א ווארט צום אייבערשטן, האב איך ארויסגעזאגט די פאר דיבורים: "הייליגער באשעפער, ס'איז שפעט ביינאכט און גאר קאלט, ברענג מיר א קאר וואס זאל מיך פירן צו די מורטל שטראססע", איך האב צוגעזאגט דעם אייבערשטן אז איך וועל עס מפרסם זיין אין די "קרית ברסלב בלעטל", אין אן אויגן בלינק שטעלט זיך אפ איינער און שלאגט מיך פאר א היטש און ער טראגט מיך געווי וואו איך האב גערארפט אנקומען. שכח אייבערשטער אז איך קען רעדן צו דיך!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תּוֹשָׁב קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז אַ שֵׁיין פְּלַאץ, אַ הֶערְלִיךְ ווִינְקְל; מֶען שְׁפִּירְט דִי אַחְדוּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען שְׁפִּירְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט, דָאס וַוארֶעמְקֵייט - פוּן אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן; **מֶען דַארְף אַסאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז מֶען זָאל בְּלַייבְּן אִין דִי לִיכְטִיגֶע חֲבוּרָה אוּן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ לֵצִים, צוּ טוּנְקֶלְקֵייט.** אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעבֶּעטְן (בְּרָכוֹת יז.): "**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ**", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, "**שֶׁתַּעֲמִידֵנוּ בְּקֶרֶן אוֹרָה**", אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ לִיכְטִיגֶער ווִינְקְל, "**וְאַל תַּעֲמִידֵנוּ בְּקֶרֶן חֲשֵׁכָה**", אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַ טוּנְקֶעלֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ פוּן לֵצִים, אַ פְּלַאץ פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, "**וְאַל יִדְוֶה לִבֵּנוּ**", דָאס הַארְץ זָאל מִיר נִישְׁט וֵוי טוּן, "**וְאַל יֶחְשְׁכוּ עֵינֵינוּ**", אוּן מַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן נִישְׁט פַארְטוּנְקְלְט וֶוערְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט פָארְקוּמֶען דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם אִין שְׁטֶעטְל; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, חִיזוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ ווִירְטְשַׁאפְט, חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן חִיזוּק זִי זָאל ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ פַאר דִיר. אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט אִיר מְחַזֵּק זַיין צוּ קוּמֶען וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מַרְוִיחַ זַיין דֶערְפוּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט חִיזוּק פוּן דִי בְּרִיוו אוּן פוּן דִי שִׁיעוּרִים; אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת זֶעט מֶען אַז נָאר דֶער רֶבִּי קֶען שְׁטַארְקְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע: "**וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר הִשְׁתַּדְלוּת פַאר פַּרְנָסָה?**" דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְלָאזְן צַייט אַרוֹיסְצוּכַאפְּן אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא. אַרְבֶּעטְן פוּן צֵאת הַחַמָּה בִּיז צֵאת הַנְשָׁמָה, אָן קַיין דַאוֶוענֶען, **אָן קַיין לֶערְנֶען, אָן קַיין מִקְוֶה אוּן אָן קַיין הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז נִישְׁט קַיין הִשְׁתַּדְלוּת פַאר פַּרְנָסָה, עֶס אִיז קֵיין פַּרְנָסָה נִישְׁט.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דַיין נַייעֶ בִּיזְנֶעס. **נֶעם אַרַיין דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַ שׁוּתָּף** וֶועסְטוּ גָאר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין; גֶעבּ דַיין מַעֲשֵׂר, דַיינֶע צְדָקוֹת פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים, הֶעלְף פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְ'ס לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פַאר נָאךְ אִידְן - וֶועסְטוּ שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### געלט איז רינדעכיג

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: איך בין אמאל געווען ביי מוהרא"ש זי"ע, דאס איז געווען נאך די שווערע הארץ אטאקע וואס מוהרא"ש האט געהאט נאך פסח תשע"ב, מוהרא"ש איז געווען דעמאלט זייער שוואך און נישט געהאט קיין כח צו שרייבן בריוון, האט מוהרא"ש געבעטן א אינגערמאן וואס איז אויך געווען דעמאלט אין צומער, ער זאל גיין קויפן א טעיפ ריקארדער אז מוהרא"ש זאל קענען אריינזאגן בריוון אין א טעיפ ביי זיך אין צומער און די טייפערס וועלן דאס שוין אויפטייפן.

מוהרא"ש האט געוואלט ארויסנעמען פון טאש געלט צו געבן דעם אינגערמאן, און מוהרא"ש האט אנגעהויבן ארויסנעמען איינסערס מיט פינעווערס... דער אינגערמאן האט זיך געשפירט שלעכט צו נעמען געלט פון מוהרא"ש, האט ער געזאגט פאר מוהרא"ש: "ס'איז גוט, איך האב געלט, מוהרא"ש דארף מיר נישט געבן איך וועל שוין גיין קויפן".

מוהרא"ש האט זיך אנגערופן צו דעם אינגערמאן מיט א שמייכל: "**וואס איז געלט?... געלט איז רינדעכיג, ווי א רעדל**, דער אייבערשטער געבט געלט צו נוצן פאר וואס מען דארף, אויב מען נוצט דאס נישט, שטעלט זיך אפ די שפע".

דער ראש ישיבה דערציילט די מעשה און ברענגט ארויס דערמיט מען זאל נישט זיין קארג מיט געלט. אוודאי טאר מען זיך נישט ווארפן מיט געלט און דאס אויסגעבן אויף נארישקייטן, אבער אויב מען האט געלט און מען דארף עפעס האבן וויכטיג, אדער די ווייב בעט געלט פאר א רוימערקע אדער פאר א נייע קלייד וכדו', זאל מען נישט זאגן איך וויל נישט נוצן די געלט וואס איך האב, איך וויל דאס אוועקלייגן פאר שפעטער וכו', ווייל אויב מען וויל נישט נוצן די געלט וואס דער אייבערשטער געבט, שטעלט זיך אפ די שפע.

# א מעשה
## פון א צדיק



### שָׁלוֹם בַּיִת

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּם טִישׁ, עֶס הָאט זִיךְ פַארְקְלִיבְּן אַ גְרוֹיסֶע עוֹלָם, צְוִוישְׁן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין לַאנְגֶע חֲדָשִׁים נִישְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת מִיט זַיין וַוייבּ, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן מִיט אַ גְרוֹיס דְבֵיקוּת, פְּלוּצְלִינְג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן מִיט אַ קוֹל, "וֶוער הָאט דָא אַ חוּצְפָּה צוּ זִיצְן בַּיי מֵיין טִישׁ מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען? אִיךְ מֵיין נִישְׁט טִירַאוִויצֶער אָדֶער טְשֶׂערִינֶער וְכוּ' וְכוּ'", עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע שְׁטֶעט וָואס פוּן דָארְטְן הָאבְּן זִיךְ פַארְקְלִיבְּן אוֹיף שַׁבָּת מֶענְטְשְׁן, נָאר פוּן דֶעם שְׁטָאט פוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְמַאנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם טִישׁ אוּן אִיז אַרַיין צוּרִיק אִין זַיין חֵדֶר הַמְיוּחָד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פִירְן קַיין טִישׁ.

וִוי דֶער אִיד הָאט דָאס דֶערְהֶערְט אִיז אַרַיין אִין זַיין הַארְץ אַ גְרוֹיסֶע חֲרָטָה, וַוייל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵיינְט אִים, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן זַיין פְּלַאץ, אוּן אִיז גֶעגַאנֶען צוּ דִי טִיר פוּן דֶעם חֵדֶר הַמְיוּחָד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, "רֶבִּי, אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן שָׁלוֹם מִיט מַיין וַוייבּ!", עֶר הָאט בִּיטֶער גֶעוֵויינְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי טִיר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר בִּיטֶער גֶעוֵויינְט, דָאס הָאט זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען.

בִּיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן זַ"ל אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דֶעם טִיר פוּן דֶעם חֵדֶר הַמְיוּחָד, - וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען צוּם טִישׁ, וַוייל דֶער אִיד וֵויינְט זֵייעֶר אוּן עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין שָׁלוֹם מַאכְן מִיט זַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם וְכוּ' אוּן הָאט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ, אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וָואס אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע הִירְהוּר תְּשׁוּבָה, וָואס הֵייסְט נִישְׁט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

(אשר בנחל אידיש מכתב מ"ה)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס
# לֶעבְּנסגֶעשִׁיכְטֶע

| פארזעצונג |

- ר"ז -

**פארזעצונג פון פריער:** אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּיז צוּ זַיין בַּר מִצְוָה אוּן חֲתוּנָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוואוֹינְט אִין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, דָארְט הָאט עֶר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה׳ אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם פַארְנֶעם, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה הָאט עֶר זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז קֵיינֶעם זָאל זִיךְ נִישְׁט דַאכְטְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ ווִי דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִין זַיין עֶלְטֶער.

***

אִין יֶענֶע יָארְן, נָאכְ׳ן לֶערְנֶען גָאר פְלַייסִיג שַׁ"ס אוּן פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, עַיִן יַעֲקֹב אוּן מֶדְרָשׁ, אוּן נָאךְ פִיל, הָאט עֶר דֶעמָאלְט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּנֶעם "סֵפֶר הָא-ב", וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "סֵפֶר הַמִדוֹת".

אִין דֶעם סֵפֶר הָאט דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אִין דִי סְפָרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אַלֶעס וָואס הָאט צוּטוּן מִיט מִדוֹת. וואוּ עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִין אַ חֲזַ"ל, אָדֶער אִין אַ פָּסוּק, עֶפֶּעס אַ מַעְלָה פוּן אַ גוּטֶע מִדָה, אָדֶער דִי גֶעמֵיינְקֵייט פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָה, הָאט עֶר דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי זִיךְ, אוּן עֶס אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט דִי מִדוֹת אוֹיפְ׳ן סֵדֶר הָא-ב, מִיטְ׳ן צִיל צוּ הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אַיינְקוֹיפְן גוּטֶע מִדוֹת, אוּן ווִי שְׁלֶעכְט עֶס אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר מִיט גוּטֶע מִדוֹת.

נִישְׁט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֶענֶען גֶעוֶוען זַאכְן וָואס שְׁטֵייט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ אִין חֲזַ"ל, נָאר אַסַאךְ זַאכְן הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט ווִי עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּן זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער, אָדֶער לוֹיט ווִי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט אַ פָּסוּק בְּדֶרֶךְ רֶמֶז.

דֶער סֵפֶר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ פַאר זַיין בַּר מִצְוָה, אוּן אוֹיף דֶעם סֵפֶר הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד", דָאס מֵיינְט אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי אַלֶע זַאכְן אוֹיף יֶעדֶע מִדָה, הָאט עֶר מִיט דֶעם גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף יֶעדֶע מִדָה בַּאזוּנְדֶער, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת תקמ"ה לפ"ק, שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא אוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בַּר מִצְוָה גֶעהַאט. אִין יֶענֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים זַיין פֶעטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם זי"ע, אוּן אִים גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ב׳, ז׳) **"אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ"**, וָואס דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן טָאג פוּן דִי בַּר מִצְוָה וֶוען מְ׳וֶוערְט ווִי נֵיי גֶעבּוֹירְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט דִבְרֵי מוּסָר אוּן הִתְחַזְקוּת וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר טֵייעֶר בַּיים רֶבִּי׳ן, מַמָשׁ **"כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב"** (שָׁם קי"ט, קס"ב).




זוּנְטָאג פַּרְשַׁת צַו, ב׳ נִיסָן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן תְּפִלִין. זַיינֶע תְּפִלִין זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ גָאר אַ הֵיילִיגֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, רֶבִּי אֶפְרַיִם סוֹפֵר זַ"ל, [מֶער אִיבֶּער אִים זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תתמ"ט], דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיינֶע תְּפִלִין.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן תְּפִלִין בַּיי דִי בַּר מִצְוָה, הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן צְוֵויי פָּאר תְּפִלִין, סֵיי רַשִׁ"י אוּן סֵיי רַבֵּינוּ תָּם. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הַאלְט אַז גְלַייךְ בַּיי דִי בַּר מִצְוָה דַארְף שׁוֹין אַ בָּחוּר אָנְהוֹיבְּן לֵייגְן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִלִין, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בִּיזְ׳ן הַיינְטִיגְן טָאג.

גְלַייךְ נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה אִיז דֶער רֶבִּי אַ חָתָן גֶעוָוארְן צוּ דִי טָאכְטֶער פוּן הָרַבָּנִי הַנָגִיד רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס גָאר אַ חָשׁוּבֶער אִיד, פוּל מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאָה, מִיט אַ שֵׁיינֶעם יִחוּס.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# הלכות שרייבן



ישראל דוד העסקעל

**לעצטע** וואך איז געווען די צווייטע מאל וואס איך האב געהאט די זכיה זיך צו לערנען שרייבעריי ביי די גרעסטע מומחים!

בעצם בין איך נישט קיין שרייבער, נאר פון מאל צו מאל פלעגט מיר אויסקומען אין די ארבעט צו דארפן שרייבן אביסל אידיש... און איך האב עס גאנץ שטארק געגליכן... נישט קיין גאנצע ארטיקלען נאר א שטיקל דא א שטיקל דארט...

בערך א יאר און האלב צוריק איז געווען איינער וואס האט מיר זייער שטארק געפייניגט אל לא דבר סתם פאר זיין תאוות השליטה, ער האט האט ממש יורד לחיי געווען... דעמאלט האב איך די ערשטע מאל זיך געזעצט שרייבן א לאנגע שטיקל, פון גרויס ווייטאג האב איך זיך געזעצט אפשרייבן אלעס וואס יענער האט מיר אנגעמאכט, איך האב געמיינט ס'וועט זיין אפשר איין זייט, מאקסימום צוויי... למעשה ווען איך האב אראפגעלייגט די גאנצע השתלשלות אויף פאפיר איז עס אויסגעקומען צו צוויי און דרייסיג זייטן!

איך האב עס נישט געשריבן ארויסצוגעבן און פארשטייט זיך אז אזא זאך קען מען נישט ארויסגעבן... מיין גאנצע מטרה איז געווען פשוט צו קענען ארויסגעבן מיינע געפילן... אבער ס'האט



מיר געעפנט א טיר'ל - איך קען שרייבן אידיש!

אין אומאן איז מיר ערגעץ וואו אויסגעקומען צו כאפן א פיינעם שמועס מיט'ן מנהל הרב אברהם משה שליט"א, בתוך הדברים איז ארויפגעקומען די בלעטל אין די שמועס, און איך זאג אים ווי איך בין זיך ממש מחיה מיט דעם יעדע וואך, אזא שיינע אויסגאבע פול מיט התחזקות און אמונה, ס'ממש מיין עונג שבת!

איך געדענק נאך פאר איך בין געווען מקורב צו היכל הקודש.... איך פלעג קויפן מאגאזינען פאר שבת צו האבן עפעס צו ליינען... עס איז אבער בכלל נישט קיין צוגלייך... ביי זיי איז דא מזרח וועלט פירער און א מערב וועלט פירער... די שרעקעדיגע נייעס איז וואס פארנעמט די אויבן אן... און דאס איז שוין די גוטע.... אנדערע וואס זענען פול



מיט מינות וכפירה און ליצנות...

בקיצור, איך דאנק דעם אייבערשטן אז אין אונזער קהילה קומט נישט אריין די אלע מאגאזינען (אפילו די כשר'ע)... מיר האבן איין וועלט פירער, אונזער נייעס איז נאך א סיום און נאך א התחזקות...

אזוי האבן מיר געשמועסט דארט אין אומאן וועגן די קרית ברסלב בלעטל, איך האב אים געזאגט: "איך באוואונדער ממש די ארטיקלען, ספעציעל די "צום פינטל" אפטיילונג, ווי אזוי אן קיינעם פארשעמען און אן קיינעם בארעדן ווערט דארט געשריבן אזעלכע מייסטער ווערק, עס מאכט ליצנותא דעבודה זרה אן טרעטן אויף יענעם... עס איז מעורר און מחזק, אלעס אויף איינמאל, דאס איז ממש מורא'דיג!

ער פרעגט מיר וועלכע ארטיקל איך האב דאס מערסטע געגליכן, זאג איך אים די ארטיקל פון מניעות, ווי ער האט עס אזוי' שיין מסביר געווען אז א מניעה איז נאר א שוועריקייט וואס מ'ברעכט צום סוף דורך, דעמאלט ווערט הוברר הדבר למפרע אז דא איז געווען א נסיון, א שוועריגקייט וואס מ'האט אונטער געשטעלט פאר דעם מענטש אז ער זאל זיך אויף דעם קענען שטארקן, אבער אויב צום סוף פירט דער מענטש נישט אויס און ער איז זיך נישט מתגבר אויף די מניעה קומט אויס אז די "מניעה" איז נישט א נסיון נאר א פולע תירוץ... דער ארטיקל, זאג איך אים איז געווען ממש א קאפ שטיק פאר מיר.

ווען איך האב געענדיגט ליינען דעם ארטיקל האב איך עפעס מיט גענומען לעובדא ולמעשה! מ'קען זיך אסאך מאל פאפן ווען מ'ווערט פויל צו א מצוה אדער צו סיי וועלכע דבר טוב, מ'הייבט הענט זאגנדיג: "דאס קען איך נישט טון ווייל איך האב א מניעה".... ניין! אויב טוסטו עס נישט איז עס נישט קיין מניעה נאר אויב וועסטו עס דורך פירן וועט עס זיין א מניעה!

ער האט הנאה געהאט צו הערן... נאכדעם געבט ער מיר אזא זאג אגב... "מ'זוכט נאך שרייבערס פאר די בלעטל, אפשר ווייסטו פון איינער וואס קען שרייבן?"...

זאג איך אים "גראדע" האב איך שוין געשריבן אביסל אידיש און אויב איר ווילט קען איך פרובירן צו שרייבן אן ארטיקל.... ווער ווייסט...

ער האט זיך צוגעכאפט צו דעם, ער זאגט מיך: "יא זיכער! שרייב עפעס, ס'וועט זיין א מורא'דיגע זאך אויב קען מען האבן נאך א שרייבער אין די בלעטל!"
ווי אויבן דערמאנט בין איך נישט געווען קיין וועטעראן שרייבער בכלל, איך האב סך הכל געשריבן אביסל פאר מיר... אבער איך האב געטראכט אז דאס קען זיין א גוטע געלעגנהייט פאר מיר צו טוהן פאר הפצה... איך האב זייער שטארק געוואלט טוהן עפעס פאר הפצה... האב איך זיך צוגעכאפט צו דעם...

מוצאי ראש השנה אינדרויסן פונעם בנין ווארטענדיג פאר די באסעס האב איך זיך באלד גענומען צו די עבודה... איך האב אנגעהויבן שרייבן אן ארטיקל איבער מיין ערשטע ראש השנה אין אומאן! איך האב געענדיגט די ארטיקל אין פולין אין די האטעל, איך בין געווען גאנץ צופרידן דערמיט, איך האב עס געשיקט פאר דער מנהל... למעשה איז ער דעמאלט געווען פארנומען און ער האט עס ערשט געליינט ווען ער איז שוין געווען אינדערהיים...

א וואך שפעטער שיקט ער מיר א מעסידש אז בעצם איז עס גוט אבער געוויסע נקודות דארף מען בעסער אויסארבעטן... מ'דארף שרייבן אביסל מער וועגן די ראש השנה זעלבסט נישט אזוי פיל וועגן די הכנות... מיט די נסיעה... בקיצור, ס'איז נישט "גרייט".

איך האב מיך דעמאלטס געגרייט צו





קומען אויף סוכות קיין אמעריקע, מיין קאפ איז נישט געווען אויפן פלאץ עס צו קענען איבעראַרבעטן... האב איך עס געלאזט לויפן (איך האף עס נאך איבערצואַרבעטן און ארויסגעבן...).

הושענה רבה נאכן דאווענען גיי איך אראפ צו מיין קאר און איך זעה אז איינער האט אראפגעפליקט מיין שפיגל... אזוי צווישן זאגן שכח אייבערשטער - גם זו לטובה און זוכן די ברוכווארג צו זעהן אויב מען קען נאך אפשר עפעס מאכן דא קומט צו צו מיר ר' אברהם הערש וועבערמאן און זאגט מיר "שלום עליכם איך בין געווען בקשר מיט דיר וועגן דיין ארטיקל" יא יא זאג איך אים ווען איך שטיי אזוי פארלוירענערהייט אויף סקילמאן מיט א האלבע שפיגל אין די האנט... "דו שרייבסט גאנץ פיין" זאגט ער מיר, "אונז דארפן זיין בקשר נאך יו"ט..." מיין קאפ איז נישט געווען יעצט ביי ארטיקלען... ס'איז ערב שמחת תורה און איך דארף נאך פארן קיין בארא פארק אן א שפיגל...




ערשט מוצאי שמחת תורה האב זיך דערמאנט פון דעם און דעמאלט איז מיר איינגעפאלן די ערשטע ארטיקל וואס איך האב געשריבן - די דמיונות ארטיקל. איך האב מיר פארבינדן מיט ר' אברהם הערש איך האב אים געזאגט מיין געדאנק מער וויניגער... ער האט הנאה געהאט פון דעם און בס"ד האב איך דעמאלט געשריבן מיין ערשטע ארטיקל!

איך בין געווען זייער קאמפלעקסט, "איז עס יא גוט, איז עס נישט גוט... מאך איך סתם אן בושות?..." מיין בויך האט זיך גוט געדרייט וואס די פידבעק גייט זיין... איך האב נישט גע'חלומ'ט דעמאלטס פון שרייבן נאכאמאל... איך האב נאר געהאפט אז די ערשטע זאל גוט געלונגען...

שכח אייבערשטער אז די פידבעק וואס איך האב צוריק געהערט איז געווען עפעס אויסנאם, מענטשן האבן זייער שטארק הנאה געהאט פון דעם... ס'האט מיך געגעבן חשק צו שרייבן נאך...

יענעם שבת בין איך געגאנגען דאווענען אין עפעס א קליינע שול נעבן מיין הויז, נאכן דאווענען האט עפעס א אידל אויסגעקלאפט ווי צובראכן ער איז אז זיין זון - א דרייצן יעריגע בחור'ל האט קיין איין ישיבה נישט געוואלט אריין נעמען!

מיין קאפ הייבט אן העפטיג ארבעטן, איך בין געווארן ממש אונטערגעצינדן פון דעם, ס'האט מיך אמת'דיג וויי געטון, און פון די אנדערע זייט האט זיך אנגעצינדן א לעמפל אין מיין קאפ וואס בליטשקעט:

"דרך הלימוד" "דרך הלימוד"... מוצאי שבת האב איך מחליט געווען איך גיי עס באשרייבן... דאס איז ממש ארגינעלע סחורה, ס'איז עכט, ס'איז היכל הקודש'דיג... ס'איז ממש פערפעקט...

יענעם מיטוואך שיק איך אריבער פאר די מערכת מיין נייע ארטיקל... צוויי שעה שפעטער באקום איך אן ענטפער: "האסט עס נישט געשריבן ס'זאל למעשה אריינגיין, אמת?"

"וואס הייסט?"

"מיר קענען נישט ארייגלייגן אזא ארטיקל, איך האף דו פארשטייסט.... כ'מיין... דו שרייבסט זייער גוט דא, און ס'איז אמת יעדער ווארט אבער ס'איז צו "האקעדיג"... ממש דו רייסט אראפ די גאנצע סיסטעם אן קיין רחמנות... לאמיר דיר מסביר זיין, מיר זוכן נישט צו קוקן אויף יענעם, מיר זוכן נישט צו האקן אויף יענעם, מיר זוכן צו זיין א קוואל פון חיזוק און הדרכה, א מענטש זאל עפעס קענען ארויסנעמען פון דעם, נישט סתם א גרויסע לאנגע פאשקעוויל..."

ס'האט מיר גענומען אפאר מינוט צו פארדייען, אבער נאכן גוט איבערליינען די ארטיקל האב איך עס פארשטאנען... לאמיך איך דא אראפברענגען ווי אזוי איך האב אנגעהויבן דעם ארטיקל וועט איר אויך פארשטיין וואס איך מיין....

"מורי ורבותי!" הערט זיך זיין שטורעמישע קול באגלייט מיט א הילכיגן זעץ אויף די בימה!



ער הייבט אן מיט א ערנסטע פתיחת הזמן דרשה, די גאנצע ביהמ"ד איז שטאק שטיל, יעדער קוקט מיט אנגסט, א פתיחת הזמן דרשה, ווער ווייסט וואס קומט יעצט...

אבער איין מינוט, דא איז דאך נישט קיין ישיבה נאר א ביהמ"ד פאר אינגעלייט, און יעצט איז אויך נישט אנפאנג זמן נאר שבת פרשת לך לך, און דער וואס פארפירט ביים בימה איז זיכער קיין ראש ישיבה נישט...

וואס גייט דא פאר, ווער שטייט דארט? וואס דרשנ'ט ער? פארוואס איז די גאנצע ביהמ"ד אזוי שטיל און שלינגט יעדער ווארט?

דער יונגערמאן שטייט נעבן זיין זון א קליינער זיסער בחור'ל קוים בר מצוה געהאט, און מיט א געשטיקטע שטימע זאגט ער: "רבותי, קיין איין ישיבה האט נישט אנגענומען מיין זון! ער זיצט שוין דריי וואכן אינדערהיים, ער גייט חלילה ווערן א גוי ח"ו, איך האב זיך געבעטן און געוויינט אבער אלס אויף טויבע אויערן"... ער שרייט דארט ווייטער ווי א פארלוירענער: "איך בין געפארן קיין קערעסטיר צום ציון פון הרה"ק ר' ישעי' מקערעסטיר זצוק"ל און זיך גוט אויסגעוויינט דארט, אויב די חברי הישיבה קענען זיך אויף פירן ווי גוים זאלן זיי זיך אדער בייגן אדער לייגן!"

ער דרייט זיך ארום צו זיין זון און שרייט צו די גאנצע עולם מיט גרויס ווייטאג: "מיין זיסער צדיק'ל איז אין א סכנה פון אינגאנצן פארפאלן ווערן חלילה, ווער נעמט אחריות אויף דעם טייערן נשמה? ווער גייט קענען זאגן ידינו לא שפכו את הדם הזה? וואס קען שווין א דרייצן יעריגע קינד זינדיגן אז ער זאל באקומען אזא אורטייל? וואו זענען אלע עסקנים שתדלנים און כלל טוערס? וואו זענען די אלע פראגרעמס צו מאכן זיכער אז לא ידח ממנו נדח - אזעלכע שיינע נעמען בנים על אבות, עזר לישיבה, וכו' וכו', וואו זענען זיי אלע?!"

ער וויל ווייטער רעדן אבער ער שטיקט זיך, ער שטייט שטיל, א סקרוך לויפט יעדן דורך אין די ביינער, יעדער איז שטיל, אזא פחד! יעדער קוקט אזוי מיט רחמנות'דיגע אויגן אויף דער בחור'ל, ווער קען דען טרייסטן אזא טאטע, ער איז אזוי פארלוירן, די וועלט האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט פאר אים, זיין זון איז אין א באלדיגע סכנה און ער קען גארנישט טון, די צער איז דאך אזוי אומבאשרייבליך.

נאך אפאר מינוט האט זיך דער עולם אביסל בארואיגט און מ'האט אנגעהויבן קופקעווען ארום דעם טאטן יעדער מיט זיינע עצות - איינער שרייט: "רשעים ארורים", א צווייטער איז מסביר: "דו מוזט פארשטיין..." א דריטער קומט שוין פראקטיש: "זאג! די געוויסע ישיבה האסטו פארבירט? ווייל איך הער זאגן אז זיי נעמען אן"... און ער ענטפערט נעבעך "יא, כ'האב פרובירט און זיי האבן מיר אויך אפגעזאגט"... איינער א צעהיצטער האקט אויפן טיש אז נאר צוליב דעם איז דא א גזירת החינוך, זיין חבר שאקלט מיט און לייגט נאך צו אז צוליב דעם קומען אלע צרות, אזא הפקרות! אזוי צווישן דעם גאנצן כאדראם רופט זיך אן נאך א קליין בחור'ל "איך האב אויך נישט קיין ישיבה"!

דער גאנצער עולם נעמט איין א טיפע אטעם און איינער געבט ענדליך א פרעג די קשיא וואס ליגט יעדן אויפן צונג: "וויפיל נאך בחורים פון דיין כיתה האבן נישט קיין ישיבה?"

"פערציג בחורים" איז געווען זיין ענטפער... די ענטפער האט אונז אלע





טיף טיף שאקירט...

יא, פערציג זיסע באַחנ'טע קוים בר מצוה בחורים דרייען זיך אויף די גאסן, ווער ווייסט מיט וועמען, און קענען יעדע סעקונדע חלילה אינגאנצן פארפאלן גיין ווייל קיין איין ישיבה האט זיי נישט אריינגענומען!"

עד כאן פון דעם ארטיקל

פון דא האב איך אנגעהויבן אראפ צורייסן די סיסטעם אז די ארטיקל איז געווען איין שטיק ווייטאג און צוביסנקייט... ס'איז געווען א שווערע לעקציע פאר מיר און די לעקציע האט אנגעהאלטן ביז לעצטע וואך...

לעצטע וואך האב איך געשריבן א לאנגע ארטיקל און די ארטיקל האט זייער שארף אראפגעריסן די "היימישע מידיע", סיי די צייטונגען און סטעטוס, אויך איז געווען דארט א גאנצע שטיקל ווי איך האב געהאקט אויף ציוניזם...

די גאנצע רעיון פון די ארטיקל איז געווען געבויט אויף א קעפל וואס איז לעצטנס געווען אין איינע פון די "היימישע" צייטונגען: "וועלט פירער פוטין מעלדט פרישע טאקטיקן, מערב וועלט קוקט צו מיט שרעק!"

מ'דארף נישט זיין קיין גרויסער חכם צו פארשטיין וואס איז די פראבלעם מיט אזא קעפל... אבער איך האב גענומען די גאנצע "היימישע מידיע" און ארויפגעלייגט אויפן טיש....

איך שיק דעם ארטיקל צו די מערכת, קודם האבן זיי מיר מרמז געווען "אפשר צי אויס די פענע ביי ציונות... אבער די אנדערע חלק איז צו שארף... איך האב אבער נישט געכאפט די רמז... איך האב עס אביסל ארומגעטוישט אבער רוב זאכן האב איך געלאזט... ר' אברהם הערש קלינגט מיך אן... לאמיר דיר מסביר זיין... א ווערטל מיט א מוסר הסכל וואס טוט קיינעם נישט ווי איז גוט... אבער די גאנצע מטרה פון אן ארטיקל און דאס איז בעצם איינע פון די יסודות פון היכל הקודש איז: "זיי נישט פארנומען מיט יענעם!", די גאנצע ארטיקל איז אמת! און יא, ס'טוט אויך ווי... אבער מיר זענען נישט גאט'ס פאליצַיי, מיר זענען דא 'זיך' צו פארריכטן, מיר זענען דא צו טרעפן דאס גוט'ס אין א צווייטן... אויב נאכן ליינען די ארטיקל פילט דער לייענער א שטופ צו ווערן בעסער, ער שפירט ער וויל ווערן אן ערליכער איד, ער וויל אנהייבן רעדן צום אייבערשטן און זאגן משניות, ער נעמט ארויס א גוטע מוסר השכל איז עס א גוטע ארטיקל, אויב נישט, ענדערש ווארף עס אוועק!

יא איך האב "בעצם" געוואוסט די כללים אבער נאר סאבקאנשעס... ווען ס'איז געקומען למעשה האב איך זיך פארגעסן פון דעם... ווייל ס'איז נישט עפעס וואס איך האב זיך איינגע'חזר'ט אז דאס ליגט מיר פאר די אויגן ווען איך שרייב... ווייל ווי געזאגט "איך בין נישט קיין שרייבער"... אבער איך פריי זיך שטארק אז איך האב געקענט באקומען א גוטע לעקציע פון די מומחים אין שרייבעריי אז פון היינט האב איך שוין א כלל ווען איך שרייב... איך ווייס שוין עפעס... ס'האט טאקע אויף די מינוט אביסל וויי געטון אז מיינע ארכיוון פארגרעסערן זיך מיט אומפאבליצירטע סחורה... אבער די לעקציע וואס איך האב מיך פון דעם געלערנט איז אלעס ווערד געווען!

וואס איז די מוסר הסכל פון די ארטיקל? קוק אויף דיר, פארעכט נישט יענעם... אדרבה, זעה גוטס אויף א צווייטן, זוך גוטס אויף א צווייטן און זע אז דו זאלסט טאקע זיין די בעסטע "דו" מעגליך!

שכח אייבערשטער אז איך בין אין "היכל הקודש", א פלאץ וואס לערנט מיר און העלפט מיר זיין דאס בעסטע שייך!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!!!**



# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



א שפאציר מיט'ן ראש ישיבה שליט"א
חודש ניסן תשע"ד

1. נחמן שטראול
2. שבתי מארקוס
3. אהרן וועבערמאן
4. יואל לאנדא
5. אשר בער אינדארסקי
6. ראש ישיבה שליט"א
7. אברהם פיש
8. אייזיק ראטה

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
אינעם קומענדיגן בלעטל



# הפצה שייטל

## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן מג): ״**מִי שֶׁמְּיַגֵּעַ אֶת עַצְמוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה אַחַר פַּרְנָסָה**״, וֶוער עֶס פְּלָאגְט זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט צוּ טְרֶעפְן פַּרְנָסָה, ״וְאֵינוֹ מוֹצֵא אֶת פַּרְנָסָתוֹ״, אוּן עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, ״תַּקָּנָתוֹ שֶׁיַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, זָאל עֶר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה.

הַיינְט אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה; פַארְבִּינְד זִיךְ מִיטְ׳ן קֶרֶן הַדְפָּסָה, הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, אָדֶער הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; נֶעם אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבָבִי״ם טֶעג קֶען מֶען פַאְרֶערְכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): ״**תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה**״, וֶוער עֶס וִויל אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַאְרֶערְכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, וִוי אַז עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



## א מעשה פון הפצה

**א אינגערמאן פארציילט:**

איין ערב שבת נעבן מקוה איז געשטאנען א ארץ ישראל'דיגע איד נאך געלט, איך האב אים געגעבן א נדבה, און ער רופט זיך אן צו מיר "אייערע תפילות זאלן ווערן נתקבל לרחמים ולרצון", איך האב געזאגט "אמן", און איך רוף מיר אן צו אים אז דער הייליגער רבי זאגט דאס אין ספר המדות, זאגט ער "אוודאי אוודאי", איך האב געטראכט אים צו געבן א גליון אבער איך האב מיר געשעמט צו געבן..

שפעטער ווען איך בין געגאנגען דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש זע איך דעם איד זיצן אין בית המדרש, איך גיי צו צו אים און איך פרעג אים "איר קענט מיר"? זאגט ער אוודאי, איך האב אייך פריער געטראפן, זאג איך אים "איך האב אייך געוואלט געבן א גליון אבער איך האב מיר געשעמט", זאגט ער מיר "פארוואס האט איר מורא געהאט? די ערגסטע זאך וואס איך וואלט געקענט טון איז צורייסן".

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקנו!

שיקט אריין אייער מעשה צו 845-379-1161

# נייעס פון קרן הדפסה

## נייע הייצונג סיסטעם אין בית הדפוס

פאריגע וואך דינסטאג האט דער ראש ישיבה באזוכט אין בית הדפוס, יעדע מאל ווען דער ראש ישיבה באזוכט אין בית הדפוס איז ער זייער פרייליך צו זען אז מען דרוקט אן אפשטעל יעדן איינציגן טאג, דאס מאל האט דער ראש ישיבה שטארק באטראכט דעם נייעם חיבור "שפתי תפתח" א פירוש אויף ליקוטי מוהר"ן אין אידיש וואס איז יעצט ארויסגעקומען אויף די צווייטע תורה פון ליקוטי מוהר"ן, מו"ה יואל שניצלער הי"ו פון מכון עצתו אמונה איז אויך געווען אינעם בית הדפוס, און דער ראש ישיבה איז איבערגעגאנגען מיט אים פרטים איבער דעם שיינעם פירוש "שפתי תפתח".

אויך האט דער ראש ישיבה באטראכט דעם בלעטל און זיך אנגערופן אז די וויכטיגסטע טייל פונעם בלעטל איז די מעשה פון תפילה פאר קינדער, מ'דארף כאפן די יונגווארג.

אין אנדערע נייעס גרייט מען זיך אין בית הדפוס צו אינסטאלירן א נייע בעסערע הייצונג סיסטעם, היות די אלטע סיסטעם ארבעט שוין נישט אזוי גוט, און אויך ארבעט עס מיט אויל וואס קאסט אסאך מער ווי די עלעקטריק סיסטעם וואס מען קען היינט האבן פאר אסאך ביליגער, און עס ארבעט פיין און געשמאק.

צו נעמען א חלק אינעם זכות ביטע זיך פארבינדן מיט לייבי ראטה 347-518-4449

Donate@kerenhadfusa.org

# בילדער פון קרן הדפסה


ביים אנקומען צום בית הדפוס - ג' שמות


ביים איבערקוקן די קרית ברסלב בלעטל


ביים איבערקוקן דעם ליקוטי מוהר"ן מיטן פירוש שפתי תפתח


**אלו יעמדו על הברכה**

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אוד רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **משה איינהארד**<br>קרית ברסלב | **ישראל הערשקאוויטש**<br>מאנסי | **מנחם אראן**<br>בארא פארק |
| **יודא ליעבערמאן**<br>טאמס ריווער | **אברהם יושע וועבערמאן**<br>קרית ברסלב | **משה גאטליעב**<br>קרית יואל |
| **אשר לעווי**<br>דזערזי סיטי | **יואל משה מייזעלס**<br>וויליאמסבורג | **שמשון הערש טייטלבוים**<br>קרית ברסלב |
| **אברהם יצחק אייזנער**<br>וויליאמסבורג | **מנחם זאב שטערן**<br>סטעטן איילענד | **חיים רויזנבוים**<br>מאנטריאל |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **347.578.4449**

# די טעג פון שובבי"ם חלק ב'




## הפצה איז א תיקון אויף די שלעכטע מעשים

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, דִי וָואכְן אִיז אַ צַייט פוּן תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים; דַארְפְן מִיר עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל פַארְרֶעכְטְן חֲטָאוֹת נְעוּרִים זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קֶענְסְט עוֹסֵק זַיין אִין נָאךְ אַ פַּרְנָסָה, אָבֶּער דַיין עִיקָר זַאךְ זָאל זַיין הֲפָצָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'. אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'"; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער מֵיינְט מֶען הֲפָצָה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן אַז מֶען טְרִינְקְט אִים אָן מִיט גוּטֶע חִיזוּק וְעִידוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען עֶר וַואקְסְן.

עצתו אמונה שמות תשפ"א

## א שיעור אין תיקוני זוהר לכבוד שובבי"ם

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דַיינֶע שִׁיעוּרִים, זַיי שְׁטַארְק מִיט לִימוּד גְמָרָא - אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אוּן אוֹיךְ מִיט לֶערְנֶען הֲלָכָה יֶעדְן טָאג.

יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם הוֹיבּ אָן אַ פְּרִישֶׁע שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה.

עצתו אמונה שמות תש"פ

## לערנען גמרא איז א תיקון שובבי"ם

וִוילְסְט עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן לְכָבוֹד שׁוֹבָבִי"ם? לָאז אָפּ יֶענֶעם; נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג דֶעם 'דַף גְמָרָא'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ". וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן עֶר אִיז אִיר אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ.

עצתו אמונה בא תשע"ז

## ווער ס'איז עוסק אין הפצה וועט האבן געלט אין טאש

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, יֶעדֶער זוּכְט תִּיקוּנִים וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מִיר הָאבְּן אַלְץ פּוֹגֵם גֶעוֶוען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן לט): "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלַל", אַלֶע דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן. יֶעדֶער פְרֶעגְט וָואס אִיז תְּשׁוּבָה, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע מַיינֶע פְּגָמִים וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען? דֶער תֵּירוּץ אִיז אֵיין וָוארְט: 'הֲפָצָה'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּיקוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", אַ תִּיקוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית, אַז מֶען זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר טֵייעֶרֶער ... גֵיי אַבִּיסְל הֲפָצָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג) אַז מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין צוּ אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֲפָצָה, דוּ גֶעסְט אֵיינֶעם אַ קוּנְטְרֵס, אַ סֵפֶר, אַ סִי דִי וְכוּ', גֶעסְטוּ יֶענֶעם לֶעבְּן. עֶס קֶען זַיין אַז יֶענֶער גֵייט אַרוּם מִיט אַ מַחֲשָׁבָה וִוי אַזוֹי עֶר קֶען עֶנְדִיגְן זַיין לֶעבְּן רח"ל. בִּפְרַט בָּחוּרִים וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רח"ל, וָואס דִי עֲבֵירָה מַאכְט דֶערְבִּיטֶערְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶס רַייסְט זֵיי אוֹיס דֶעם מֹחַ, אוּן עֶס מַאכְט זֵיי טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן זֵיי ווִילְן עֶנְדִיגְן זֵייעֶר לֶעבְּן רח"ל, אוּן דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס זֵיי נֶעמֶען 'דְרָאגְס', וָואס דָאס רַייסְט זֵיי אִינְגַאנְצְן אוֹיס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אוּן וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען אַ קוּנְטְרֵס, אַ סֵפֶר וָואס רֶעדְט צוּ זֵיי אָדֶער זֵיי הֶערְן אַ דְּרָשָׁה וִוי מֶען זָאגְט זֵיי: "הָאסְט נָאךְ אַ תַּקָּנָה", "קֶענְסְט נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ נָאךְ אַלְץ לִיבּ", הָאסְטוּ פָּשׁוּט מְחַיֶּה מֵתִים גֶעוֶוען אַ אִיד. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, דַף קכח:) קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין וואוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען דָארְט, דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען וֶוערְט גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אוּן עֶר גֵייט אַרוֹיף אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דָאס אַלֶעס קֶענְסְטוּ זוֹכֶה זַיין מִיטְן גֶעבְּן פַאר אַ אִיד אַ קוּנְטְרֵס, אָדֶער אַ סִי דִי; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אִין דַיין קַאר אָדֶער בַּיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַ זֶעקְל מִיט סְפָרִים אוּן סִי דִי'ס? מֶען קֶען הֶעלְפְן אַ צְוֵויטְן אִיד מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה?

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' נַפְתָּלִי ז"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְן 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי'. עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרַיין לֵייגְן זַיין הֶענְט אִין טַאשׁ וֶועט עֶר אֵייבִּיג טְרֶעפְן דָארְט גֶעלְט. וְכַךְ הֲוָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט הָאט עֶר אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי הֶענְט אִין טַאשׁ אוּן גֶעטְרָאפְן גֶעלְט; מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל': אִיךְ גֶעבּ אַ צְוֵוייטֶע בְּרָכָה, וֶוער עֶס וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, וֶועט אֵייבִּיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ.

עצתו אמונה בשלח תשע"ז

## יום תהילים לכבוד שובבי"ם

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ. אוּן דְרֵיי מָאל אַ יָאר - שׁוֹבָבִי"ם, סְפִירָה, אוּן אֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה - פְלֶעגְט עֶר זָאגְן צְוֵויי מָאל אַ טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, כְּדֵי עֶר זָאל עֶנְדִיגְן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ דֶעם 'סֵפֶר תְּהִלִּים'.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זי"ע בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וְיוֹאֵל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

עצתו אמונה טהרה שנת תשע"ז

## ארוים גיין פון חובות

שׁוֹבָבִי"ם אִיז דֶער צַייט וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד, עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער 'בַּעַל חוֹב', וַאֲפִילּוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד, אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב וֶועט עֶר אֵייבִּיג בְּלַייבְּן אִין חוֹבוֹת, וְלִפְעָמִים גּוֹרֵם הָעֲבֵרָה שֶׁמַּפִּיל גַּם אֲחֵרִים לִהְיוֹתָם בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אוּן נִישְׁט נָאר דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב, נָאר עֶר קֶען אַמָאל גוֹרֵם זַיין אַז עֶר שְׁלֶעפְּט אַרַיין נָאךְ מֶענְטְשְׁן אִין חוֹבוֹת, אַלֶעס צוּלִיבּ זַיין עֲבֵירָה, וְעֵצָה לָזֶה לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה בִּכְלָלִיּוּת וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְהַצִּילוֹ מֵעֲבֵרָה זוֹ וּלְהִתְחָרֵט בִּכְלָלִיּוּת עַל עֲבֵרָה זוֹ". אוּן דֶער רֶבִּי גֶעט אוּנְז אַן עֵצָה - דֶער עֵצָה אִיז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִיז יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם וָואס מִיר זֶענֶען מְתַקֵּן אוּנְזֶערֶע פְּגָמִים, אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי עֲבֵירָה.

דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם אִיז אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן מֶען זָאל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר, קוּק וִוי אִיךְ זִינְק אִין שְׁוֶועֶרֶע חוֹבוֹת, אִיךְ וֵויס אַז אִיךְ בִּין זִיךְ אַלֵיין שׁוּלְדִיג, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם אִיז אַז מֶען וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב, אִיךְ בִּין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית. אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בִּיסְטוּ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין זוּמְפּ וְכוּ' וְכוּ'", דֶער עִיקָּר לֵייג אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת.

עצתו אמונה בלק תשע"ח





# קינדער אָפְּטֵיילוּנְג

## אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער

אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה, לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם טַאנְצְט אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג; אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָארְט, דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט שֵׁיין, אֵיינֶער פַּייפְט מִיט אַ פַּייפֶער, אֵיינֶער שְׁפִּילְט אוֹיפְ'ן פִידְל, אוֹיךְ אִיז דָא אַ טְרָאמְפֵּייטֶער מִיט אַ פּוֹיקֶער. דֶער קָאנְדָאקְטֶער מַאכְט מִיט דִי הֶענְט אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אַלֶע זָאלְן שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם, דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז גָאר אַ לֶעבֶּעדִיגֶע חֲתוּנָה.

עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט הָאט פַּאסִירְט, דֶער פּוֹיקֶער אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר מִיד אוּן אִינְמִיטְן פּוֹיקְן אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן; אַלֶע קוּקְן וִוי דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט אוּן וִוי דֶער פּוֹיקֶער שְׁלָאפְט, דֶער קָאנְדָאקְטֶער בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער פּ וֹיקֶער שְׁלָאפְט.

פְּלוּצְלוּנְג: "פַּאטְשׁ!!!" "פַּאטְשׁ!!!" דֶער קָאנְדָאקְטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַארְ'ן פּוֹיקֶער, דֶער פּוֹיקֶער הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אוֹיף אוּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ פּוֹיקְן, עֶר קְלַאפְּט אוּן פּוֹיקְט כְּאִילוּ לֹא הָיָה.



דֶער פּוֹיקֶער פּוֹיקְט וַוייטֶער

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֶעט דִי מַעֲשֶׂה אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "אַ פַּאטְשׁ גֶעכַאפְּט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט", דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען חִזּוּק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּנֶעם פּוֹיקֶער אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועָרֶע טֶעג דַארְף מֶען וַוייטֶער פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאפְּן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען".

קִינְדֶער לָאמִיר זִינְגֶען: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער גוּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט - וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט".

# מעשה פון תפילה
# פאר קינדער

חי׳ וועבערמאן פון קרית ברסלב פארציילט:




געמאלן דורך: חי׳ וועבערמאן







חוה שפילמאן תחי׳ פון וויליאמסבורג פארציילט:




געמאלן דורך: חוה שפילמאן






# נאָך וועם הייס איך?

**איך הייס:** נחמן יצחק קרויס נרו יאיר – ביתר, ארץ ישראל

**נאָך:** נאכן הייליגן רבי'ן און נאך מיין עלטער זיידע הרה"ח יצחק קרויס זכרונו לברכה

## אביסל איבער אים

איך בין געבוירן אום ראש השנה, בשעת וואס מיין טאטע איז געווען אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן, פארדעם הייס איך טאקע נאך דער הייליגער רבי. און ווייל ראש השנה ליינט מען פון עקידת יצחק הייס איך אויך נאך מיין עלטער זיידע רבי יצחק קרויס ז"ל פון לאנדאן.

מען קען רעדן פון רבי'ן גאר אסאך... פארדעם וועל איך נאר פארציילן אביסל פון מיין עלטער זיידע.

ער איז אלעמאל געווען פרייליך, אויך ווען ער איז געווען נישט געזונט האט ער אלעמאל געענטפערט ווען מען האט אים געפרעגט וויאזוי ער פילט זיך: "בעסער פון נעכטן, און נישט אזוי גוט ווי מארגן".

נאר איינמאל איז ער געווען זייער טרויעריג, דאס איז געווען ווען מען האט אים איינגעשלעפט אין שפיטאל אויף חנוכה פאר א גאנצע נאכט, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט און ער האט געוואלט צינדן די חנוכה ליכט האט מען אים געזאגט אז עס איז שוין צופרי, דעמאלט האט ער זייער געוויינט אז ער האט פארפאסט א נאכט פון צינדן חנוכה ליכט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איך זאל אויך אלעמאל זיין פרייליך, און ליב האבן די הייליגע מצוות.



**אויפן בילד:**
"מיין זיידע ביי חנוכה ליכט צינדן"

# קליין און שיין



יצחק און משולם אינדיג נ"י
מאנטריאל קאנאדא





# בילדער
## אפטיילונג


קרעדיט: נפתלי זאבעל


קרעדיט: נפתלי זאבעל

**ברית פון הילד דוד נ"י בן מו"ה שבתי מזרחי הי"ו אין היכל הקודש קרית יואל - ג' שמות**


קרעדיט: יוסי פרערויא

**אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל - ג' שמות**


קרעדיט: יוסי פרערויא

**ביים קוקן די מעשיות פון תפלה צעטלעך פון די קינדער**


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא

**אין בית הדפוס - ג' שמות**




ביים דאווענען מנחה מיט די קינדער פון תלמוד תורה
קרית ברסלב - ג' שמות




ביים פארציילן א מעשה פאר די קינדער פון תלמוד תורה
קרית ברסלב - ג' שמות




ביים רעדן מיט די אדמיניסטראטור המוסדות מו"ה
רפאל פורסט הי"ו




סיום מסכת יומא פון אשר לעמל זוסמאן - א' וארא







ביים באזוכן אין כולל היכל הקודש - ג' שמות



הפצה פאברענג אין בית המדרש עצתו אמונה - ג' שמות



מען טיילט אויס מתנות פאר די קינדער וואס לערנען
סדר דרך הלימוד אין זייטיגע צייטן

## חתונה אין ישיבה פון החתן תלמיד הישיבה רפאל כ"ץ הי"ו - ג' שמות



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: מרדכי אהרן הײלפרין

גענעראל פארזאמלונג אין שטעטל - א' שמות



קרעדיט: מרדכי אהרן הײלפרין

גענעראל פארזאמלונג אין שטעטל - א' וארא

# נסיעה קיין ארץ ישראל - שמות תשפ"ג



אין עירפארט אויפן וועג קיין ארץ ישראל - ד' שמות



ביים ציון פון מוהראש זי"ע אין יבנאל - ליל ששי שמות




ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס זי"ע אין טבריה - ליל ששי שמות




ביים ציון פון קארלסבורגער רב זי"ע אין מירון - ליל ששי שמות




שחרית אין היכל הקודש ירושלים - ערב שבת שמות




ביים געבן א שיעור נאכן דאווענען - ערב שבת שמות







סיומים פון קינדער ביים שיעור ערב שבת שמות





מען גרייט אן קיכן פאר די קידוש - ערב שבת שמות



קרעדיט: מאטי היימליך

פרייליכע טענץ ביים מלווה מלכה אין ירושלים



קרעדיט: מאטי היימליך

קאדאטשקע ביים מלווה מלכה אין ירושלים



פילקעפיגער ציבור ביי מלווה מלכה



מען הערט אויס די דרשה ביי מלווה מלכה



כלי זמר ביים מלווה מלכה





אנשי שלומינו העלפן אנגרייטן דעם מלוה מלכה



ביים אויסהערן שיחות פונעם ראש ישיבה נאך מלוה מלכה



ביים שרייבן בריוון אין די דירה אין ירושלים





ביים ברית פון הילד יואל נ"י בן מו"ה אברהם ראטמאן הי"ו אין היכל הקודש ירושלים - א' וארא





ביים באזוכן אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים זונטאג וארא



ביים איבערקיקן ״א סעודה מיט'ן ראש ישיבה״ אין לשון קודש



מנחה אין היכל הקודש ירושלים - א׳ וארא





ביים רעדן צו די מלמדים און מנהלים פון מוסדות היכל הקודש ירושלים אין טברי׳



שיעור אין היכל הקודש בני ברק - א׳ וארא


והכינו את אשר יביאו
קומט איר אויף שבת צו די קעטסקילס?
א שאד זיך צו שלעפן מיט אייער גראסערי ארדער ווען איר קענט אלעס קויפן באקוועמערהייט דא אין אפסטעיט. קאושער בעסקעט שטייט גרייט אייך צו סערווירן א גאנצע יאר מיט א פולע ליין פון אלע גראסערי פראדוקטן, פריש און געשמאק. מיט א גרויסע אויסוואל פון אלעס וואס איר דארפט אויף שבת.
שבת התוועדות
מען קען אויך באשטעלן גרעסערע ארדערס פאר שבת התוועדות און מיר וועלן עס דעליווערן ביז צום טיר.
Call or text your order:
845.218.1244
OPEN LATE
PHONE ORDERS Monday - Thursday 10-3
STORE HOURS Sunday Monday Tuesday Wednesday 7-12 / Thursday 7-1
Friday 7 - 15 Min before zman / Motsai Shabbos 15 Min after zman - 1
11 E Mongaup Rd Section A - Hurleyville, NY 12747
Email: kbkosherfood@gmail.com / Fax: 845-523-1244
kosher basket
Kiryas Breslov Supermarket